

מורשת אור החיים הקדוש
הוצאת ספריו וכתביו הק'
ומפעלים להפצת תורתו

# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש

**פרשת מקץ - חנוכה**

## מוסר חיים לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו ווייס

### קינדער וואס זעען ווי זייערע עלטערן זענען מכבד טאטע מאמע וועלן זיי אויך מכבד זיין טאטע מאמע

די תורה דערציילט אונז באריכות די גאנצע פרשה וויאזוי יוסף'ס ברידער זענען געקומען קיין מצרים קויפן עסן, און וויאזוי יוסף האט זיך פרעמד געמאכט צו זיי, און זיי באשולדיגט אלס שפיאנען, אא"וו, ביז צום אויספיר וויאזוי די שבטים האבן זיך געמאכט א "חשבון הנפש" זאגנדיג איינער צום צווייטן (מב, כא): "**אֲבָל אֲשֵׁמִים אֲנַחְנוּ עַל אָחִינוּ אֲשֶׁר רָאִינוּ צָרַת נַפְשׁוֹ בְּהִתְחַנְנוֹ אֵלֵינוּ וְלֹא שָׁמָעְנוּ...**"

שמועסט אויס דער "**אור החיים**" הק'; אז די שבטים האבן אריינגעטראכט, וואס איז די סיבה אז זיי טרעפן זיך דא פלוצלינג אָן אין אזעלכע צרות?! וואס האבן זיי זיך פארזינדיגט אז דער אויבערשטער שיקט זיי דאס אונטער?! זאל מען זאגן אז דאס קומט וועגן "**מכירת יוסף**"? קען נישט זיין! ווייל די שבטים האבן דאך דן געווען יוסף אז ער איז חייב מיתה על פי דין, און נאר אלס מידת החסד "לפנים משורת הדין" האבן זיי מסכים געווען אים צו פארקויפן אנשטאטס אים צו הרג'ענען, אויב אזוי קומט זיך זיי נישט קיין עונש אויף דעם?!

אלא מאי, זאל מען זאגן אז דאס איז געקומען אלס אן עונש פאר'ן גורם זיין א צער פאר'ן טאטן יעקב אבינו? קען אויך נישט זיין! ווייל אויב אזוי וועט דאך יעצט זייער עונש גורם זיין פאר'ן טאטן סאך א גרעסערע צער, נישט נאר פון יוסף נאר אויך פון שמעון און בנימין, **און ס'קען נישט זיין אז דער אויבערשטער זאל זיי שטראפן פאר'ן מצער זיין דעם טאטן - מיט אַן עונש וואס גייט אים נאך מער מצער זיין!...**

דער רבי קומט דא ארויס מיט א מורא'דיגע יסוד, אז הגם אז דער עונש פאר'ן נישט מקיים זיין "כיבוד אב ואם" איז זייער הארב - אזוי ווי דער רבי שרייבט אין פרשת יתרו ביי די עשרת הדברות, אז כאטש די גמרא זאגט אז פאר'ן מבטל זיין א מצות עשה שטראפט מען נישט גלייך, איז אנדערש די מצוה פון "כיבוד אב ואם" אז אויף דעם קומט יא גלייך אַן עונש, און וועגן דעם שטייט דארט; "**וידבר אלקים...**" וואס דער שם "**אלקים**" איז קעגן **מידת הדין**, צו ווייזן אז פארן נישט מקיים די עשרת הדברות קומט באלד אן עונש - אבער פונדעסטוועגן וועט נישט קומען פאר דעם אזא מין עונש וואס וועט שאַפן מער צער פאר'ן טאטן! ווייל די גאנצע מטרה פון דעם עונש איז דאך אויסצולערנען דעם מענטש אז מ'טאר נישט מצער זיין טאטע מאמע...

און פון דעם האבן די שבטים געוואוסט בלי שום ספק, אז די צרה דא איז זיכער נישט געקומען אלס אן עונש פאר'ן פארלעצן "כיבוד אב ואם", ווייל דא האט דאך דער עונש אליינס נאר שטערקער געמאכט די צער פון זייער טאטע יעקב אבינו.

❦

וואס איז יא דער עונש פארן מזלזל זיין אין "כיבוד אב ואם"? אין פרשת קדושים שרייבט דער רבי; אז איינער וואס איז נישט מכבד עלטערן ווי עס דארף צו זיין, איז דער עונש דערפאר, אז זיינע קינדער זענען אים אויך נישט מכבד. פארקערט אבער, ווער עס איז יא מכבד טאטע מאמע, איז ער מיט דעם גורם אז זיינע קינדער זאלן זיך אויך אפלערנען מכבד צו זיין טאטע מאמע, ממילא וועלן זיי אים אויך מכבד זיין!

מיט דעם טייטשט דארט דער רבי הפלא ופלא דעם פסוק (ויקרא יט, ג) "**איש אמו ואביו תיראו**", וואס דער פסוק הייבט זיך אן מיט "**איש**" בלשון יחיד, און איז ממשיך "**תיראו**" בלשון רבים?! (ועי' רש"י שם) נאר פשט איז, "**איש**" - דער **מענטש** וואס האט מורא פאר זיין טאטע מאמע און ער איז זיי מכבד ווי עס פאסט, איז ער גורם מיט דעם "**תיראו**" - אז זיינע קינדער זאלן אויך מורא האבן פאר אים און אים מכבד זיין, ווי דער רבי פירט אויס בלשון קדשו: "**וּכְשֶׁאָדָם יָרֵא מֵאָבִיו הַבֵּן לוֹקֵחַ מוּסָר**".

מיט דעם טייטשט דער רבי אויך די משנה אין אבות; "**מצוה גוררת מצוה**" און "**עבירה גוררת עבירה**", אז איינער וואס איז מקיים די מצוה פון "**כיבוד אב ואם**" שלעפט דאס מיט מיט זיך נאך א מצוה - אז זיינע קינדער זאלן דאס אויך מקיים זיין. און ח"ו פארקערט, "**עבירה**" - איינער וואס איז עובר אויף "**כיבוד אב ואם**" שלעפט דאס מיט נאך אן עבירה - אז זיינע קינדער זאלן אויך עובר זיין אויף כיבוד אב ואם.

ווייל דאס איז דער שכר פאר כיבוד אב ואם, אויב מ'מאכט א נחת רוח פאר טאטע מאמע לערנען זיך די קינדער אפּ אז דאס איז ריכטיג און אויסגעהאלטן, און זיי טוען די זעלבע פאר זייערע טאטע מאמע געגנוי וואס זייערע טאטע מאמע האבן געטון פאר זייערע עלטערן.

**שובע שמחות וברכות לרוב**

לרמע"כ מעוז ומגדול, שמו מפארים עדת חבלו
הדבוק בתורתו של רבינו האור החיים הקדוש בעוז ובתעצומות נפש

**מורינו הגאון הרב משה שוורץ שליט"א**

רב ביהמ"ד 'קהל חסידים' - 'היכל אור החיים' פרדס-כץ ב"ב, וראש כולל 'כנסת ישראל'
בן **הגאון הגדול רבי חיים יעקב שוורץ זצוק"ל** דיין ורב דקה"ק צאנז נתניה ומרכז רפואי לניאדו
וחתן **הגאון הגדול רבי חיים צבי שפירא שליט"א** רב 'קהל חסידים' רמת-אהרן ב"ב וראב"ד 'מחזיקי הדת' בעלזא

**לרגל השמחה הגדולה במעונו באירוסי בתו הכלה החשובה תחי'**

עב"ג הבחור המופלג בתורה ויראה ידיו רב לו במכמני התורה ובקי בסדרי הש"ס

החתן החשוב **מנחם מענדיל ויזניצר** שליט"א

בן **הרה"ג יעקב דוד שליט"א** ר"מ בישיבת ויזניץ ברכפלד, ובביהמ"ד קוסוב ירושלים
בן **הגאון רבי אשר אנשיל ויזניצר שליט"א** משפיע רוחני בישיבת ויזניץ ובאבוב
וחתן **הגאון רבי יהושע גרינצווייג שליט"א** ראש כולל מכנובקא וזוטשקא ירושלים
יהא רעווא מן שמיא שיזכו לבנות בית נאמן בישראל דורות ישרים ומבורכים ולבנין עדי עד
ויזכו לרוות רוב תענוג ונחת דקדושה לתפארת בית אבות

המברכים, מערכת ההו"ל "מורשת אור החיים", ולומדי תורת האור החיים הקדוש

## פניני חיים פנינים מובחרים משובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל – לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קורצע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

**אֵת אֲשֶׁר הָאֱלֹהִים עֹשֶׂה הִגִּיד לְפַרְעֹה... וְעַתָּה יֵרֶא פַרְעֹה אִישׁ נָבוֹן וְחָכָם וִישִׁיתֵהוּ עַל אֶרֶץ מִצְרָיִם.** (מא, כה-לג)

די גמרא זאגט (ברכות נה.) אז דריי זאכן רופט דער אויבערשטער אויס בכבודו ובעצמו: 1. הונגער. 2. זעט. 3. א גוטע פרנס על הציבור.

וועגן דעם האט יוסף געזאגט פאר פרעה "**אֵת אֲשֶׁר הָאֱלֹקִים עוֹשֶׂה**" בלשון הוה - נישט "**יַעֲשֶׂה**" בלשון עתיד, ווייל ער האט געמיינט צו זאגן אז דא האט דער אויבערשטער געוויזן אין חלום די דריי זאכן וואס נאר דער אויבערשטער **טוט אלעמאל** אליינס. איין זאך - אז ס'גייען קומען "**זאטע**" יארן. נאך א זאך - אז ס'גייען קומען "**הונגער**" יארן, און די דריטע זאך - אז פרעה גייט שטעלן א "**גוטע פרנס**" אויף מצרים צו זארגן פאר עסן פאר די הונגער יארן. און הגם מ'האט אים נישט מגלה געווען קלאר ווער דער פרנס גייט זיין, האט פרעה געקענט אליינס פארשטיין, אז יוסף איז דער איינציגער וואס האט געקענט ריכטיג פותר חלום זיין מסתמא איז ער דער פאסיגער.

❦

**וְהָרָעָב הָיָה עַל כָּל פְּנֵי הָאָרֶץ וַיִּפְתַּח יוֹסֵף אֶת כָּל אֲשֶׁר בָּהֶם.** (מא, נו)

פארוואס האט יוסף אויפגעמאכט די אלע אוצרות פון תבואה און זיך נישט באגנוגט מיט וויפיל מ'האט געדארפט דעמאלטס האבן?

נאר די טבע איז, ווען מענטשן זעען אז ס'הערשט א מאנגל אין שפייז פילן זיי אטאמאטיש מער דעם הונגער און זיי נעמען עסן מער פון וואס זיי ברויכן. דאס האט יוסף געוואלט פארמיידן, אז אין די הונגער יארן זאלן נישט מענטשן אנהייבן כאפן עסן מער ווי נארמאל, וואס דאס קען צופירן אז די שפייז זאל זיך סאך שנעלער אויסלאזן, וועגן דעם האט ער מיט קלוגשאפט געעפנט **אלע אוצרות**, ווייזנדיג פאר אלע: "קוקטס וואספארא שפע ס'איז דא! קיינער דארף נישט כאפן איבעריג..."

פירט אבער דער פסוק אויס: "**ויחזק הרעב בארץ מצרים**" - אז דאס האט נישט געהאלפן, ווייל די הונגער איז געווען אזוי שווער, אז טראץ די אלע תחבולות פון יוסף האט זיך נאכאלץ געשפירט א שרעקליכע הונגער אינעם גאנצן לאנד.

❦

**וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל אָחִיו אֲבָל אֲשֵׁמִים אֲנַחְנוּ עַל אָחִינוּ אֲשֶׁר רָאִינוּ צָרַת נַפְשׁוֹ בְּהִתְחַנְנוֹ אֵלֵינוּ וְלֹא שָׁמָעְנוּ עַל כֵּן בָּאָה אֵלֵינוּ הַצָּרָה הַזֹּאת.** (מב, כא)

די ווארט "**אבל**" האט דא לכאורה נישט קיין פשט, ווייל קיינער האט דאך נישט געזאגט עפעס אנדערש פארדעם?! אויך איז שווער די אריכות הלשון אין פסוק; "**אֲשֶׁר רָאִינוּ צָרַת נַפְשׁוֹ בְּהִתְחַנְנוֹ אֵלֵינוּ וְלֹא שָׁמָעְנוּ**", וואס איז נישט גענוג אז ס'זאל ווען שטיין; "**עַל מְכִירַת אָחִינוּ**", בפרט ווען דאס איז דאך דער עיקר חטא זייערע אז זיי האבן פארקויפט יוסף?!

נאר באמת האבן די שבטים געהאלטן אז יוסף איז חייב מיתה ווייל ער איז געקומען פאלש עדות זאגן קעגן זיי (כנתבאר לעיל לז, כ), וועגן דעם האבן זיי טאקע נישט געטראפן קיין שום ריכטיגע סיבה פארוואס די שלעכטס זאל דארפן קומען אויף זיי. פונדעסטוועגן האבן זיי געזאגט: "**אֲבָל**" - אבער דאך - "**אֲשֵׁמִים אֲנַחְנוּ**" - זענען מיר יא שולדיג, פארוואס? "**עַל אָחִינוּ אֲשֶׁר רָאִינוּ צָרַת נַפְשׁוֹ**" ווייל סוף כל סוף ווען אונזער **ברודער** האט זיך געבעטן בתחנונים מיר זאלן רחמנות האבן אויף אים בשעת סכנה, וואלט געפּאַסט אז מיר זאלן זיך מרחם זיין און אים פאַרגעבן טראץ אלע טענות. אונז האבן זיך אבער נישט ווייסנדיג געמאכט צו זיינע תחנונים, וועגן דעם איז געקומען אויף אונז די צרה. **ווייל פון צדיקים פאָדערט זיך רחמנות צו האבן אפילו זיי זענען גערעכט!**

## הלכה ודרוש

# הדלקת חלק מהנרות במנורה שבבית המקדש

**כַּפְתֹּרֵיהֶם וּקְנֹתָם מִמֶּנָּה יִהְיוּ.** בְּהַקּוֹמֶץ רַבָּה (מנחות כח, א) תְּנַן, שִׁבְעָה קְנֵי מְנוֹרָה מְעַכְּבִין זֶה אֶת זֶה, שִׁבְעָה נֵרוֹתֶיהָ מְעַכְּבִין זֶה אֶת זֶה. מַאי טַעֲמָא, הֲוָיָה כְּתִיב בָּהוּ, עַד כָּאן. וְקָשֶׁה, וַהֲלֹא לֹא נֶאֱמַר הֲוָיָה אֶלָּא בְּקָנִים וְלֹא בְנֵרוֹת, כִּי ב' הֲוָיוֹת נֶאֶמְרוּ בַּמְּנוֹרָה, אַחַת בְּפָסוּק זֶה וְאַחַת בְּפָסוּק רִאשׁוֹן, "וְעָשִׂיתָ מְנֹרַת וְגוֹ' יְרֵכָהּ וְקָנָהּ גְּבִיעֶיהָ כַּפְתֹּרֶיהָ וּפְרָחֶיהָ מִמֶּנָּה יִהְיוּ", מַשְׁמַע שֶׁאֵינוֹ מְעַכֵּב אֶלָּא ז' קָנִים וּגְבִיעֶיהָ כַּפְתּוֹרֶיהָ וּפְרָחֶיהָ, וַהֲגַם שֶׁבַּמִּשְׁנָה לֹא הִזְכִּיר אֶלָּא הַקָּנִים וְהַנֵּרוֹת, כָּתְבוּ הַתּוֹסָפוֹת, שֶׁהוּא הַדִּין, וְלֹא הִזְכִּירָם הַתַּנָּא לְצַד שֶׁאֵינָם בִּמְנוֹרוֹת שֶׁל מַתָּכוֹת, וְכֵן כָּתַב רמב"ם פֶּרֶק ג' מֵהִלְכוֹת בֵּית הַבְּחִירָה, יְעֻיַּן שָׁם. אֲבָל הַנֵּרוֹת לֹא הִזְכִּיר בָּהֶם הַהֲוָיָה... (שמות כה, לו)

יש לציין לדברי רבינו בספר **ראשון לציון** (יור"ד סי' רע"ד) דהא דאמרינן דשבעה נרותיה מעכבין, הכוונה שגם הדלקת כל הז' נרות מעכבין זה את ז, ואם הדליקו רק חלק מהנרות, **לא קיימו כלל מצוה.**

ודבריו מוסבים על הא דאיתא בשבת (כב, ב) שהיו מדליקים כל הנרות שבמנורה מנר המערבי שבמנורה, ומקשינן מינה למ"ד דאסור להדליק נר חנוכה זה מזה אפי' שלא ע"י קינסא, משום אכחושי מצוה, דא"כ היאך היו מדליקים בביהמ"ק מנר המערבי, ועמדו בקושיא. ומסקינן, מאי הוה עלה, להלכה, האם מותר להדליק נר חנוכה זה מזה, ואמרינן דלמ"ד הדלקה עושה מצוה, מותר, ולמ"ד הנחה עושה מצוה, אסור, יעו"ש כל הסוגיא. ו**ברא"ש** (פ"ב סי' ז') הקשה, מהו הספק של הגמ', הרי כבר הקשו על מאן דאמר דאפי' מנר לנר אסור, מדחזינן בנרות שבביהמ"ק שלא חששו לאכחושי מצוה. ותירץ הרא"ש: ויש לומר, דמספקא ליה אי הוי תיובתא גמורה היא או לא, ופשיט, דלאו תיובתא גמורה הוא, עכ"ל. ודברי הרא"ש צ"ב, מהי כוונתו דאפשר דלא הוי פירכא גמורה, והרי היא קושיא אלימתא, והיאך אפשר לתרץ בענין אחר הטעם דלא חששו בביהמ"ק להכחשת מצוה.

ומבאר שם רבינו באריכות **בכמה חילוקים, שיתכן לומר בין נרות חנוכה לנרות ביהמ"ק,** ובתוך דבריו כתב: אי נמי, שאני מנורה דכולה מצוה אחת שבעה נרותיה, הגם דאיכא הכחשה שרי, דמה בכך, משא"כ נר חנוכה בכל לילה ולילה מוסיף נר אחד לנס אותה הלילה, כל אחת כמצוה בפני עצמה ואיכא למיחש לאכחושי, ומכל הני טעמי חשש הש"ס דלא קושיא אלימתא, עכל"ק. ומבואר בדברי רבינו, דכל הז' נרות שבביהמ"ק הוי כולהו מצוה אחת והם מעכבים זא"ז, משא"כ בהדלקת נר חנוכה הוי כל נר ונר מצוה בפ"ע.

אמנם **בשפת אמת** (שבת שם) כתב ג"כ להקשות כקושית רבינו, על מה שדימתה הגמ' נר חנוכה למנורה, דלכאורה יש לחלק, דבמנורה כיון דשבעה נרותיה מעכבין זה את זה הו"ל כמצוה אחת ולכך מותר להדליק זה מזה יותר מבחנוכה. וכתב דאולי יש להוכיח מזה כמו ששמעתי מפי מו"ז **החידושי הרי"ם** ז"ל להסתפק, דאע"ג דקני מנורה מעכבין, מ"מ הדלקתן י"ל שאינו מעכב, יעו"ש.

וכן הביא **בכלי חמדה** שכן אמר לו **הגה"צ מפילץ** זצ"ל בעל ה'שפתי צדיק' בשמו של זקנו החידושי הרי"ם. וביאר בזה הרי"ם את דברי הב"י הידועים בהל' חנוכה (סי' עת"ר) שכשמצאו הפך חילקו את השמן לח' חלקים, דהכוונה, דהם **חשבו באמת להדליק בכל יום לפחות נר אחד, שגם בזה מקיימים מצות ההדלקה.**

ובזה מבאר הכל"ח את דברי **הרמב"ן** בפר' במדבר (ד, טז) שמשא שמן המאור לשבוע אחד היה קפ"ג לוגין, ולכאורה קשה, דזהו חשבון רק לנר א', והרי היו צריכים להדליק ז' נרות, ולהנ"ל יתפרש דכוונת הרמב"ן הוא רק למה שהיה מעכב בדיעבד, והדין הוא דרק הדלקת נר אחד מעכב כדי שיקיים מצות הדלקה [ועיין בשפתי צדיק (להגה"צ מפילץ הנ"ל, פר' במדבר אות כ"ט) מש"כ בזה]. וכדברים האלו כתב גם בכלי חמדה (פרשת במדבר), שהביא בשם הגאון בעל בני יונה (יור"ד סי' רע"ד) שהקשה ג"כ כעין קושיא זו על דברי הגמ' הנ"ל, דבמנורה כיון דאין המצוה נגמרת אלא כשנגמרה מצות ההדלקה של הז' נרות, וא"כ לא שייך לאסור משום אכחושי מצוה, דהא כל זמן שלא הדליק את כל הנרות עדיין לא קיים מצוה, וא"כ ליכא משום אכחושי מצוה. וכתב הכלי חמדה לתרץ, ע"פ מה ששמע מרבו בעל האבני נזר ז"ל, דאע"ג דקיי"ל דז' נרות מעכבין זא"ז, וכל מנורה שאין בה ז' נרות אינה בגדר מנורה ואין מצוה להדליק בה, מ"מ הדלקת ז' הנרות אינה מצוה אחת וכל נר הוי מצוה אחת בפני עצמה ואין אחד מעכב את חבירו.

## אגדה וחסידות

# פרעה חלם לאותו חלום במשך שנתיים

**אֶפְשָׁר שֶׁיְּכֻוַּן לוֹמַר כִּי שְׁנָתַיִם יָמִים וּפַרְעֹה חֹלֵם בִּתְמִידוּת חֲלוֹם זֶה אֶלָּא שֶׁלֹּא הָיָה יוֹדֵעַ שֶׁחָלַם וּלְסוֹף שְׁנָתַיִם חָלַם וְלֹא שָׁכַח** (מא א).

בספה"ק **אמרי פנחס** (שער התורה אות ע"א) כתב וזל"ק: ולכאורה קשה, למה הוצרך דבר זה שיחלום כל הנ"ל. וביאר הוא ז"ל על פי **מעשה מהבעש"ט** שנסע עם מו"ה מענדיל המגיד [מבאר] ז"ל, ויצמא הרב רבי מענדיל למים, ואמר לו הבעש"ט ז"ל, יהיה לך בטחון אמיתי בהשי"ת - ויזמין לך מים. וכן עשה, ונזדמן להם ערל ושאל להם אם פגעו בסוסים שנאבדו ממנו שלשה ימים שהוא מבקש אותם זה ג' ימים, ושאלו לו אם יש עמו מים, ונתן לשתות לרבי מענדיל.

ושאל המגיד רבי מענדיל לרבו הבעש"ט, כיון שהערל הנ"ל לא נסע רק למעני לרוות צמאוני, למה נוסע זה שלשה ימים. והשיב לו, שהשי"ת הזמין אותו מקודם, שאם יהיה לך בטחון אמיתי בהשי"ת ימלא מחסורך.

וכן כאן גבי יוסף, שתחילה בטח על שר המשקים ונענש, עד שהיה לו בטחון בהשי"ת, לכך הזמין השי"ת החלום במשך ב' שנים, שיהיה מוכן לגאולת יוסף כשיהיה לו בטחון בהשי"ת, והבן. עכ"ל.

וכיוון לזה **בברכת שמעון**, וז"ל: לכאורה צ"ב, דמה התועלת בזה שחלם, מכיון שלא ידע כלל מזה שחלם. וי"ל, דהנה יוסף היה עתיד לצאת מבית הסוהר ע"י חלום פרעה, כמו שהיה באמת אח"כ, ונתעכב שנתים ימים ע"י שאמר לשר המשקים והזכרתני.

והנה אם היה יוסף נותן אל לבו לשוב על זה, הרי היה נגאל בתוך השנתים, דהרי תשובה מועלת לכל דבר, לכן מן השמים הכינו סיבת גאולתו שלא יהיה מעוכב אפילו שעה אחת, ובכל השנתים האלו חלם פרעה אותו החלום, ואם היה יוסף מתקן זה שתלה בטחונו בבשר ודם, אז מיד היה פרעה נזכר חלומו מה שהיה מביא לגאולתו של יוסף מיד.

ובספה"ק **קהלת משה** (להרה"ק רבי משה מקאזניץ) כתב: ומחמת שהיה רצונו יתברך שיתעלה אלוקותו בעולם, ויידעו הכל שהוא לבדו עיקר המשפיע. על כן היה פרעה "חולם" - לשון הוה - דהיינו, זה זמן רב היה חולם בכל לילה, וכדאיתא בספר אור החיים, שהיה רוצה להסתיר החלום ולא יכול, כי בכל לילה היה חולם לו זה החלום עד שהוצרך לקרוא ליוסף לפתור אותו, כדי שיתפרסם אלוקותו יתברך ויכולתו, עכל"ק.

ומדבריו נראה ביאור אחר, שפרעה ניסה להשכיח ושלא לגלות החלום, והקב"ה סיבב שיחלום כך בכל לילה, כדי שיהיה מוכרח לספר ליוסף, ועל ידי זה יתעלה שמו בעולם.


מתיקות וערבות טוב התורה
מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות ועריבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד בכדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.
להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620

## החלפת הפתילות כל יום מטעם 'מעלין בקודש ואין מורידין'?

בספר **משמרת שלום** (קוידינוב סי' מ"ח אות ג')כתב לחדש דטוב להחליף בכל לילה את הפתילות. שאם לא יחליף היום את הפתילות וישאר הפתילה של אתמול דמקומה, אז מוריד אותה מקדושתה, שהפתילה היתה ביום הראשון עיקר המצוה וביום השני הפתילה החדשה שהוא הנר השני הוא עיקר המצוה, והפתילה של אתמול נעשית טפילה, והרי ההלכה **דמעלין בקודש ואין מורידין**. והגם דאם יחליף ביום השני את הפתילות, והפתילה שהיתה אתמול בנר הראשון יעביר ביום שלאחריו לנר השני (וכן על זה הדרך בכל היום) ליכא הורדה - מ"מ **חיישינן שישכח, ולכן מן הראוי להחליף**.

ויש ליישב **מנהג העולם שאין נוהגים כן**, וכן לא הוזכר בשום אחד מהפוסקים ענין זה, עפי"ד רבינו ובכמה אופנים:

**א.** עפימש"כ רבינו הק' ועוד פוסקים, דהא דקיי"ל דמעלין בקודש ואין מורידין וצריך לגנזם - היינו רק כשאפשר להעלותם בקדושה יתירה, אבל אם אינו ראוי רק לקדושה פחותה יותר, ואם לא ישתמשו בזה, אז יצטרכו לגוזנו, בודאי דעדיף להשתמש בו לקדושה פחותה יותר. ולכן מתיר להשתמש בארון קודש שכבר אי אפשר להשתמש בו לארון קודש, לקדושה קלה יותר, ועדיף מלזורקו.

ראה בספרו **ראשון לציון** (מגילה כ"ו ב') שכותב רבינו באריכות יסוד זה בדעת הרמב"ם, ומסיים רבינו: וצריך להתיישב טובא בהאי דינא, לפי שאין שום ספר מהפוסקים בידי בהיותי עוסק במסכתא זו, עכל"ק. ובאמת שכבר כתב יסוד זה הטו"ז באו"ח סי' קנ"ד סק"ו, ובפמ"ג שם תמה ע"ז הרבה, וכן בחי' בכור שור למגילה שם תמה ע"ז, והו"ד בביאוה"ל שם.

אמנם הרבה אחרונים הסכימו כסברת רבינו והטו"ז, וכתבו שכן הלכה למעשה. עיין במקור חיים לבעל החוות יאיר (או"ח שם סק"ז) ובמגן גבורים (שם סק"א) ובשו"ת מהרי"א אסאד (סי' ל') ובשו"ת מחנה חיים (ח"א סי' א) ובשו"ת מהרש"ם (ח"ד סי' נ"ז) ובשו"ת צבי תפארת (סי' ט') ובשו"ת קרן לדוד (סי' ט').

ולפי"ד רבינו והפוסקים הנ"ל, מיושב מנהג העולם דפשוט דא"צ להחליף לגמרי הפתילות מפני חשש הורדתם מקדושתם.

**ב.** הנה נחלקו הפוסקים בסי' תרע"ב (סעי' ג' - בטור וב"י וכל הנו"כ שם באריכות) האם מותר להשתמש בשמן הנשאר לאחר חצי שעה בלי תנאי מקודם, ולהלכה נקטו האחרונים לאיסור. אמנם רבינו בספה"ק ראשון לציון (יור"ד סי' רע"ד - הלכות ס"ת) נקט בפשיטות בתו"ד דאחר חצי שעה הוי כנר של חול גמור ומותר להשתמש בו, וא"כ לפי"ז א"ש דאחר חצי שעה פקע קדושתם, ולא הוי כלל מוריד מקדושה. וכ"כ בשו"ת בצל החכמה ח"ג סי' קכ"ח.

**אם נר חנוכה יש בו קדושה**

**ג.** עוד יש לדון בכ"ז: דהרי מעלין בקודש ואין מורידין אמרינן רק בתשמישי קדושה **ולא בתשמישי מצוה**, וכדאיתא להדיא בש"ס מגילה כ"ז ב' ובפוסקים, וא"כ נר חנוכה דהוי בגדר תשמישי מצוה, ליכא כללא דמעלין בקודש. וראיה דנ"ח לא הוי מילי דקדושה, מגמ' מפורשת בשבת (כ"ב א') דאמר רב דאסור להרצות מעות כנגד נ"ח, ואמר לו שמואל 'וכי נר קדושה יש בו'. ומתרץ הגמ' דהאיסור הוא כדי שלא יהיו מצוות בזויות עליו, ועכ"פ מפורש דאין להם קדושה.

אמנם מאידך גיסא, מפורש ג"כ בגמ' (כ"א ב') דהטעם לחד לישנא דב"ה ס"ל דמוסיף והולך ולא פוחת והולך, כיון דמעלין בקודש ואין מורידין, והרי להדיא מפורש בגמ' דגם בנ"ח אמרינן האי כללא. אמנם להלכה העתיקו הפוסקים רק הטעם השני דכנגד ימים היוצאים. [ועיין בשפ"א שנתקשה טובא מכמה טעמים, בהבנת סברא זו בנ"ח] וגם יש לדון מהנוסח שאנו אומרים **"הנרות הללו קודש הם"**, ומשמע קצת דיש בהם קדושה, ובשפ"א (שבת שם) כתב דזה הוי פלוגתא דרב ושמואל, ורב אסר מטעם דיש בו קדושה והוקצה למצותו, ורק שמואל חולק וס"ל דאין בו קדושה ואוסר רק מטעם ביזוי, והעיר ג"כ מהלשון 'הנרות הללו קודש הם' יעו"ש.

ועכ"פ ברור דלא שייך לומר בנ"ח מעלין בקודש ואין מורידין, רק אי נימא דיש בהם קדושה וכמ"ש השפ"א בשיטת רב, אמנם רבינו בספה"ק ראשון לציון (הנ"ל באות ב') כתב להדיא בטעמא דרב דהוא ג"כ משום ביזוי, ולפי"ז אין שום מקור להלכה דנרות חנוכה יש בהם קדושה, וא"כ פשוט דאין לחוש כלל מעלין בקודש ואין מורידין.

## "להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך" – מדוע התנגדו היוונים דוקא ל"חוקים"?

בתפילת ימי חנוכה, אנו אומרים ב'ועל הניסים', שהיוונים רצו "להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך". והקשו המפרשים, מדוע התנגדו הם דווקא לקיום ה"חוקים".

וכתב בספר **באר משה** (להאדמו"ר מאוז'רוב, שמות, עמוד תשמ"ה), לבאר על פי דברי רבינו בפרשת חוקת שכתב לפרש הפסוק "זאת חוקת התורה", ולא כתיב "זאת חוקת הפרה", וזל"ק:

**ובדרך רמז ירצה באומרו "זאת חוקת התורה", שאם יקיימו מצוה זו, הגם היותה חוקה בלא טעם, מעלה עליהם הכתוב כאילו קיימו התורה, "אשר ציווה ה' לאמר". כי קיום מצוה בלא טעם, יגיד הצדקת האמונה והסכמת הנפש לקיים כל מצוות הבורא.** עכל"ק.

ומבואר בדברי רבינו, דע"י קיום מצוה שהיא חוקית - מקיים כל התורה כולה.

וזו הכוונה, שהיוונים רצו לבטל את קיום החוקים, ועל ידי זה היו משכחים מאתנו את כל התורה, עכ"ד.

ויש להוסיף, מה שכתב בספר **שם משמואל** (חנוכה) בשם אביו בעל ה**אבני נזר**, דהיוונים התנגדו דווקא לחוקים, שהם מצוות בלי טעם, כי הרשעים האלו היה בהם חכמת הפילוסופים וכדברי הרמב"ן, וחשבו שכל מה שאינם משיגים בשכלם איננו אמת, ולכן התנגדו לחוקים, אבל על המצוות הם ג"כ הסכימו, כיון שאותן הבינו לפי הטעמים ההגונים שבהן.

## "אין לנו רשות להשתמש בהם..."

מפליאים דבריו של הרה"ק רבי שלמה מראדומסק זי"ע - בספרו **'תפארת שלמה'** (לחנוכה, ד"ה ת"ר) שכתב, שכאשר נהנים מהנאות עולם הזה, שולט באותן הנאות כח הסטרא אחרא, ומהאי טעמא אסרו חכמים להשתמש באורו של נר חנוכה, כדי שלא תהא שם אחיזה לכוחות הטומאה.

והוסיף: "והוא על דרך המבואר ב**'אור החיים' הקדוש בפרשת 'שמיני'**, כי בארצות המערב שנהגו לאכול החגבים, הנה בכל שנה ושנה השחיתו הארבה והחגב את יבול הארץ. ומיום שאסר להם לאכלם, הנה לא נראה עוד חגב אחד בכל גבול הארץ ההוא, עיין שם בדברי קדשו זי"ע.

והוא מטעם הנ"ל, כי כאשר אכלו ישראל את החגבים ונהנו מהם, לכן היתה שליטה להסטרא אחרא להרע להם, **ועל ידי ההבדלה מהם, נתפרשו ונבדל כח הסטרא אחרא מהם**".

# טיפע סודות וואס זענען באהאלטן אין ספר "אור החיים הקדוש" [ב]

אין פאריגן גליון האבן מיר ארויסגעברענגט, אז הגם דער ספר **אור החיים הקדוש** איז געשריבן אויף א שפראך וואס אויבנאויף קען יעדער איינער פארשטיין פשוט פשט, ליגט אבער באהאלטן אין דעם טיפע סודות וואס נאר יחידי סגולה זענען מסוגל צו פארשטיין. און פון אנדערע ווערט געברענגט אז צו קענען פארשטיין די טיפע כוונה פונעם אור החיים הק' דארף מען זיין א **"בעל רוח הקודש"**.

למעשה שרייבט שוין דער אור החיים הק' אליין אין פרשת שלח (במדבר טו, לט) נאכן מסביר זיין אן ענין על פי סוד, ענדיגט ער צו בזה הלשון: **"כידוע לרואים באור החיים"** - אז דאס איז באוואוסט פאר די הויכע בעלי השגה וואס זענען זוכה צו זען אין די ליכטיגקייט פון קבלה, און זיי פארשטייען אין די טיפע הויכע ענינים.

נישט אומזינסט האבן פארשידענע צדיקים געזאגט, אז וויפיל זיי לערנען "אור החיים הקדוש", טרעפן זיי יעדעס מאל נייע חידושים וואס זיי האבן נישט משיג געווען קיינמאל פארדעם. אזוי ווערט נאכגעזאגט בשם הרה"ק ר' **יצחק מסקווירא** זי"ע, אז ער האט דריי ספרים וואס יעדעס מאל וואס ער לערנט אין זיי טרעפט ער אלץ א נייע חידוש. די דריי ספרים זענען: **'אור החיים הקדוש', 'תולדות יעקב יוסף', און 'מאור עינים'**.

ענליך צו דעם האט **כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א** נאכגעזאגט פון זיין זיידן הרה"ק ר' יצחק זי"ע; **"אז נאך די דריי ספרים - אור החיים הקדוש, תולדות יעקב יוסף, מאור עינים - איז נישטא מער וואס צו מחדש זיין!"** און כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א האט מסביר געווען, אז אין די דריי ספרים ליגט שוין אלעס וואס שטייט אין די שפעטערע ספרים.

אויך הרה"ק ר' **יעקב יוסף מסקווירא** זי"ע פלעגט זאגן, אז מיום עמדו על דעתו הארעוועט ער אין "אור החיים הקדוש", און ער קען אליינס מעיד זיין: **"אז יעדעס מאל ער לערנט אין דעם ספר, פילט ער א נייע טעם וואס ער האט נישט געפילט קיינמאל בעפאר!"**

מיט דעם געדאנק האט זיך הגה"ח ר' **משה ווייס** זצ"ל [וועמען מ'האט גערופן ר' משה 'בטלן' - א חסיד מובהק פון האדמו"ר מסקווירא זי"ע - וועלכער איז געווען דבוק אין אור החיים הק' אויף א ספעציעל פארנעם] גענוצט ווען מ'האט אים געפרעגט פארוואס ער געבט נישט ארויס א חיבור פון זיינע חידושים וואס ער איז מחדש אויפן אור החיים הק' - וואס איז גענוג אנצופולן א גאנצן ספר? האט ער געענטפערט: "אור החיים הק' קען מען לערנען פשט רמז דרוש סוד! ווי מער מ'לערנט אור החיים הק', פילט מען אלס א נייע טעם און א נייע הרגשה אין דעם! וויאזוי קען איך מאכן א חיבור אויפן אור החיים הק', ווען אין א צייט ארום וועל איך פילן אין דעם אינגאנצן א נייע טעם?!" - - -

אזוי אויך האט הרה"ק מסקווירא זי"ע נאכגעזאגט בשם הרה"ק ר' מרדכי פייוויש מהוסיאטין זי"ע, אז יעדעס יאר טרעפט ער א נייע פשט אינעם אור החיים הקדוש!

אין ספר **"אמרי פנחס השלם"** ווערט אויך געברענגט, אז הרה"ק ר' **פנחס מקאריץ** זי"ע האט געזאגט, אז אלע ספרים וואס זענען נתחבר געווארן אין די לעצטע זיבעציג יאר [אין זיין צייט], זענען נישט מכוון צום אמת פון פנימיות התורה, חוץ די ספרים פון הרה"ק ר' **יעקב יוסף מפולנאה** [בעל 'תולדות יעקב יוסף'] זי"ע - אויף דעם האט ער געזאגט אז "ס'איז נישטא זיינס גלייכן אויף די גאנצע וועלט!" און דער ספר **"אור החיים הקדוש"**.

האט הרה"ק ר' פנחס קאריצער צוגעלייגט: **"מיינע ווערטער זענען צומאל קרוב אל האמת מער ווי דער אור החיים הקדוש..."**. און אמאל שבת פרשת נשא ווען הרה"ק ר' פנחס האט נאכגעזאגט א שטיקל 'אור החיים הקדוש' אויף פרשת סוטה, צולייגנדיג נאכדעם זיין אייגענעם ביאור, האט ער אויסגעפירט: **"מיינס איז נענטער אל האמת..."** - ומי יעמוד בסוד קדושים.

אזוי אויך האט ער זיך אויסגעדרוקט: **"די פשט אין אור החיים הקדוש וועלן מיר נאר קענען פארשטיין ווען משיח צדקנו וועט קומען!"** - - -

די מורא'דיגע סודות וואס ווערן אלץ אנטפלעקט דורכן ספר אור החיים הקדוש - פאר ווער עס האט לעכטיגע אויגן און איז זוכה דאס משיג צו זיין - קענען מיר זען פון די פאלגענדע מעשה:

ווי באוואוסט האט הרה"ק **רבי מרדכי מטשערנאביל** זי"ע געהאט אכט זין. דער יונגסטער זון, הרה"ק **רבי יוחנן מראחמיסטריווקא** זי"ע, איז געווען קוים איין און צוואנציג יאר איבערנעמענדיג די הנהגה אין ראחמיסטריווקא נאך די הסתלקות פונעם טאטן.

אמאל איז אנגעקומען קיין ראחמיסטריווקא א משלחת פון א געוויסע שטאט וואס זייער 'בית החיים' אין שטאט איז שוין אנגעפולט געווארן, און זיי האבן געבעטן רבי יוחנן אריבערצוקומען צו זיי אין שטאט מקדש צו זיין א נייע חלקה פאר א בית החיים. האט זיי רבי יוחנן געזאגט, אז אויפן מאמענט קען ער נישט קומען, אבער אין די נאנטע תקופה ווען ער וועט קענען וועט ער זיי לאזן וויסן און ער גייט קומען.

באלד ווי די משלחת האט פארלאזט זיין שטוב, האט זיך רבי יוחנן געזעצט שרייבן א בריוו צו זיין עלטסטן ברודער - הרה"ק **רבי אהרן מטשערנאביל** זי"ע, און האט דאס אפגעשיקט מיט איינעם פון די בעלי עגלה'ס פון שטאט קיין טשערנאביל צו זיין ברודער, זאגנדיג אז ער זאל דאס תיכף ומיד איבערגעבן פאר זיין ברודער און דארט אויסווארטן ביז ער וועט אים צוריקשרייבן אן ענטפער.

די גבאים זענען געווען נייגעריג צו וויסן וואס עס שטייט אינעם בריוו, האבן זיי געבעטן דעם בעל עגלה ארויסגייענדיג פון שטוב אויפצומאכן דעם בריוו און זיי ווייזן וואס ס'שטייט דארט. דער בריוו האט זיך אזוי געליינט: **"לכבוד אחי הגדול הרב הצדיק הקדוש רבי אהרן וכו'... דו ווייסט דאך איך בין געווען זייער יונג ביים הסתלקות פונעם טאטן זצוק"ל, און איך האב נישט זוכה געווען צו לערנען פונעם טאטן דעם ענין וויאזוי מ'איז מקדש א בית החיים. על כן בעט איך דיר, שרייב מיר ביטע די כוונות און די מנהגים אויף דעם ענין..."**

ווען דער בעל עגלה איז צוריקגעקומען קיין ראחמיסטריווקא מיט'ן ענטפער פון רבי אהרן האבן אים די גבאים ווידעראמאל אפגעשטעלט אינדרויסן פון שטוב, און געבעטן זיי צו לאזן כאפן א בליק אויפן ענטפער. דארט איז געשטאנען: **"נעם א חומש בראשית, און לערן דורך דעם אור החיים הק' אויף די פרשה וואס אברהם אבינו האט אפגעקויפט די מערת המכפלה פון עפרון, פון דעם וועסטו וויסן אלע מנהגים און אלע כוונות פון מקדש זיין א נייע בית החיים..."**

נאך וואס רבי יוחנן האט ערהאלטן דעם ברודער'ס בריוו, האט ער טאקע אויפגעמישט א חומש בראשית צו פרשת חיי שרה, און זיך געזעצט לערנען די פרשה וויאזוי אברהם אבינו האט אפגעקויפט פון עפרון דעם מערת המכפלה - מיט'ן פירוש פונעם אור החיים הק'. ווען ער האט געענדיגט, האט ער געשיקט מעלדן פאר די קהילה אין יענעם שטאט, אז אין די קומענדיגע טעג גייט ער קומען מקדש זיין דעם נייעם בית החיים ביי זיי אין שטאט! - - -

אויפן פארלאנג פונעם ציבור, האבן מיר זיך בס"ד לעצטנס שטארק פארברייטערט מיטן דרוקן און מפיץ זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזוייוי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.
צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער צו געבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998
אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com
פאר סיי וועלכע פראגעס בנוגע דעם גליון, קענט איר רופן:
הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839
וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב